בס"ד

## איך האב ליב

# די הייליגע טעג

חודש אלול ~ סליחות ~ ראש השנה ~ עשרת ימי תשובה ~ יום כיפור

## ביכל





ארויסגעגעבן דורך הרב יואל קליין

PRODUCED BY: REALISTIC PRODUCTION

# Credits:

**Script Composed, Music, Choir Recording, Editing, Mixing, Mastering,**

All done by:

**YOEL KLEIN**
RECORDING STUDIO
718-344-1708

געזינגען און גערעדט דורך:

## "די הייליגע קינדערלעך קווייער"

הערשי ארגעל
מאיר ארגעל
יודי בערגער
מרדכי גרינוואלד
יוסי ווייס
יצחק יאקאבאוויטש
שראלי כ"ץ
בערל לוסטיגמאן

יושע לייפער
הערשי מענצער
מתתי' יואל קאהן
ישי קאלמאן
מענדי קליין
אפרים פישל שווארץ
נתי שטרויס

## קינדער סאלאס

דִי הֵיילִיגֶע טֶעג: ........................ הערשי מענצער. אפרים פישל שווארץ. נתי שטרויס
אַ מִצְוָה אַ גוּטֶע מַלְאָךְ: ........................ אפרים פישל שווארץ. הערשי מענצער. הערשי ארגעל
וֶוען חוֹדֶש אֱלוּל קוּמְט צוּ גֵיין: ........................ נתי שטרויס
רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גֶעקוּמֶען: ........................ הערשי ארגעל. מרדכי גרינוואלד. שראלי כ"ץ
רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיינַאכְט - זָכְרֵנוּ לְחַיִּים: ........................ ישי קאלמאן. הערשי ארגעל
אֲרֶשֶׁת שְׂפָתֵינוּ: ........................ נתי שטרויס. הערשי ארגעל
כִּי לַה' הַמְּלוּכָה: ........................ מאיר ארגעל. ישי קאלמאן. מרדכי גרינוואלד
כַּפָּרָה'לֶע: ........................ נתי שטרויס. יודי בערגער. ישי קאלמאן
אִיבֶּערְבֶּעטְן: ........................ שראלי כ"ץ. יצחק יאקאבאוויטש. יושע לייפער. יוסי ווייס
בִּרְכַּת הַבָּנִים: ........................ הרב יואל קליין. אפרים פישל שווארץ
אוֹיסְגֶעפוּעֶלְט אַלֶעס גוּטְס: ........................ ישי קאלמאן. אפרים פישל שווארץ. יוסי ווייס. מאיר ארגעל. הערשי ארגעל. הערשי מענצער. נתי שטרויס

## מענער

טאטע: הרב יואל קליין ~ זיידע: מוהר"ר שלמה ווייס
הערשער: ה. גרין ~ שניידער: ר' ישראל יוסף וועבער

## יישר כח

ר׳ אליעזר טארים פאר דיין הערליכע גראפיקס,
**איך האב נאך נישט געזעהן אזא גוטע און שנעלע סערוויס ווי ביי דיר**

פאר מיין געטרייע טאטע רבי אהרן צבי קליין שליט"א מלמד מומחה רבות בשנים
פאר׳ן שטיין צו די האנט צו יעדע צייט מיט אזא געטריישאפט און איבערגעגעבנקייט

מו"ה אהרן גרויז פאר דיין טעקניקל הילף

פאר די אלע חשובע מנהלים און מלמדים שליט"א כל אחד בשמו יבורך פאר אייער עצה ותושיה

המלמד מוהר"ר משה ראזענפעלד פאר דיין ערעשט האנטיגע הילף פאר׳ן Front cover

## הכרת הטוב

צו מיין ידיד: **מו"ה חיים יחזקאל ניימאן.** Sensible Progression
פאר דיין פראפעסיאנאלע הילף אויף יעדן טריט אין די ביזנעס
און פאר דיין חשובע טאכטער וואס האט זיך אזוי אוועקגעגעבן אהערצושטעלן די הערליכע בילדער

בילדער דורך: שיינדי בערגער

הגהה און נְקוּדוֹת דורך: וְנִכְתַּב 347-675-8423

## תודה מיוחדת

המלמד מו"ה רבי אלעזר ניסן פרידריך
פאר׳ן ארויסהעלפן מיט געטריישאפט, און פאר די 3 הערליכע גראם לידער:
**ווען חודש אלול קומט צו גיין. ראש השנה ביינאכט. ברכת הבנים.**

**אשריך "ישראל" מי כמוך...**

עס ליגט אויף מיר א חיוב ארויסצוברענגען פון טיפעניש פון הארץ, מיינע הכרת הטוב געפילן צו מיין נאכט חברותא, ידיד נפשי היקר, מלמד מומחה ומחנך נפלא זה רבות בשנים, האברך החשוב, כבוד שמו תפארתו, **מוהר"ר ישראל יוסף וועבער נ"י** וואס האט מיר באגלייט דורכאויס דעם גאנצן פראיעקט מיט אן אויסערגעווענליכע מסירות און געטריישאפט, מיטיילנדיג זיינע געבענטשטע טאלאנטן און כשרונות אויף יעדן טריט און שריט, וואס דאס האט גאר שטארק צוגעגעבן צום הצלחה פונעם סידי. ווי אויך די 4 הערליכע גראם לידער וואס ער האט פארפאסט. **די הייליגע טעג. א מצוה א גוטע מלאך. כפרה׳לע. אויסגעפועלט אלעס גוטס.** דער אייבערשטער זאל דיר שענקען ברכה והצלחה און סייעתא דשמיא מתוך עושר ואושר והרחבת הדעת.

## אחרון אחרון חביב:

צו מיינע זיסע טייערע קינדער: **שלמה יצחק, און משה שמעון קליין**
**הרב יואל קליין**

# און א עקסטערן גרויסן יישר כח

פאר די אלע חשובע עלטערן שיחיו פון "די הייליגע קינדערלעך קווייער" פאר'ן ערמעגליכן
זייערע קינדער צו אנטייל נעמען אין דעם הערליכן הייליגן סי די.
און א עקסטערן דאנק פאר די אלע טייערע קינדער שיחיו וואס האבן אוועקגעגעבן פון
זייער פרייע צייט "נאך נאכטמאל" צו קומען אין סטודיא, און פאר ענקער געדולד און
אויסערגעווענליכע גוטע און איידעלע אויפפירונג אין סטודיא.

**מודעה:** קינדער וואס השם יתברך האט זיי באשאנקן מיט א שיינע שטימע און געבוירענע
טאלאנט צו זינגען, אדער אויב איר ווילט וויסן אויב אייער קינד איז פאסיג צו זיין א חלק
אין "די הייליגע קינדערלעך קווייער" שפירט אייך פריי צו רופן 718-344-1708 די סטודיא
געפינט זיך אין הארץ פון וויליאמסבורג.




© Copyright 2013
Realistic Production Inc.
Email: yk@kstudio1.com

איך האב ליב

# די הייליגע טעג

## CD Tracks:

1) נִיגּוּן: דִי הֵיילִיגֶע טֶעג
2) הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאט אוּנְז לִיבּ
3) דִי הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה
4) תְּשׁוּבָה תְּפִילָה צְדָקָה
5) שְׁוֶועֶרֶע מִצְוָה - מֶער שְׂכַר
6) אַ וָואגְשָׁאל
7) נִיגּוּן: אַ מִצְוָה אַ גוּטֶע מַלְאָךְ
8) גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִיה
9) נִיגּוּן: וֶוען חוֹדֶשׁ אֱלוּל קוּמְט צוּ גֵיין
10) אָנְוִוינְטְשְׁן
11) נִיגּוּן: רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גֶעקוּמֶען
12) אַ גוּט יוֹם טוֹב
13) נִיגּוּן: רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיינַאכְט - זָכְרֵנוּ לְחַיִּים
14) "הַמֶּלֶךְ" אוּנְזֶער קֶענִיג
15) נִיגּוּן אֲרֶשֶׁת שְׂפָתֵינוּ
16) נָאכְן דַאוֶוענֶען
17) נִיגּוּן: כִּי לַה' הַמְּלוּכָה
18) עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה
19) כַּפָּרוֹת
20) נִיגּוּן: כַּפָּרָה'לֶע
21) עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר
22) ~ מַעֲשֶׂה ~
23) בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ
24) נִיגּוּן: אִיבֶּערְבֶּעטְן
25) דִי כֹּחַ פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער
26) אַ וַוייסֶע קִיטְל
27) נִיגּוּן: בִּרְכַּת הַבָּנִים - טַאטֶע
28) מוֹצָאֵי יוֹם כִּיפּוּר
29) נִיגּוּן: אוֹיסְגֶעפוֹעֶלְט אַלֶעס גוּטְס

# דִי הֵייליגֶע טֶעג

Track 1

## ניגון — דִי הֵיילִיגֶע טֶעג

דִי הֵיילִיגֶע טֶעג הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר לִיבּ
עֶס בְּרֶענְגְט אַ הֵיילִיגְקֵייט אִין מַיין שְׁטוּבּ
אֶלוּל אוּן תִּשְׁרֵי מַמָּשׁ אַ מְחַיֶה
עֶס פַאנְגְט זִיךְ אָן אַ יָאר אַ נֵייעֶ

דִי צְוֵויי חֳדָשִׁים הָאבְּן, אַ גְרוֹיסְן כֹּחַ
דִי תְּפִילוֹת קוּמֶען אָן, גָאר גָאר הוֹיעֶךְ
צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער עֶס וֶוערְט אָנְגֶענוּמֶען
אוּן אַ גוּט יָאר וֶועט פַאר אוּנְז קוּמֶען

מִיר קֶענֶען טוּהן תְּשׁוּבָה סְ׳אִיז נִישְׁט שְׁוֶוער
אוֹיף אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן בִּיז אַהֶער
מִיר וֶועלְן נִישְׁט פָאלְגְן דִי יֵצֶר הָרָע מֶער
נָאר טוּהן מִצְווֹת אָן אוֹיפְהֶער

גוּטֶע קַבָּלוֹת נֶעמְט מֶען זִיךְ פָאר
נָאר צוּ טוּהן מִצְווֹת דֶעם נֵייעֶם יָאר
דֶעם יֵצֶר טוֹב וֶועלְן מִיר נָאכְגֵיין
אוּן אַ גַאנְץ יָאר בְּלַייבְּן רֵיין

Track 2

הֶערְשִׁי: יוֹסִי, מֵאִיר,

מֵאִיר: יָא?

הֶערְשִׁי: מַאמִי רוּפְט עֶנְק, מְ׳דַארְף שׁוֹין אַהֵיימְגֵיין, קוּמְטְס אַרוֹיף!



# די הייליגע טעג

**יוֹסִי:** אָקֶעי, אוּנְז קוּמֶער!

**מֵאִיר:** הָא הָאבְּן אוּנְז גֶעהַאט אַ לֶעבְּן אִינְדְרוֹיסְן.... קוּם יוֹסִי, מַאמִי רוּפְט אוּנְז. לָאמִיר אִיר וַוייזְן אַז מִיר פָּאלְגְן אִיר מִיט אֵיין מָאל רוּפְן, אוּן מִיר וֶועלְן הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה!

**יוֹסִי:** מֵאִיר, דוּ בִּיזְט גֶערֶעכְט! סְ'אִיז חוֹדֶש אֱלוּל, דִי הֵיילִיגְסְטֶע צַייט אִין יָאר, אוּן אוּנְז דַארְפְן זִיךְ צוּגְרֵייטְן מִיט אַסַאךְ גוּטֶע מִצְוֹת. וֶוען אוּנְז קוּמֶען אַהֵיים, גֵייעֶן מִיר שֵׁיין גְרִיסְן אוּן מִיט אַ שְׁמֵייכְל!

**מֵאִיר:** אַ גוּטְן טָאג!

**טַאטֶע:** אַ גוּטְן טָאג קִינְדֶערְלֶעךְ!

**מֵאִיר:** אַה... מְחַיֶה! דָא גֵייט פֵיינֶע עֶרְקָאנְדִישְׁן.

**יוֹסִי:** טַאטִי, אִינְדְרוֹיסְן אִיז אַזוֹי הֵייס, סְ'אִיז מִילְיָאן דֶעגְרִי! אוּן דָא אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם פֵיין קִיל...

**טַאטֶע:** דִי עֶרְקָאנְדִישְׁן מַאכְט טַאקֶע פֵיין קִיל. אָבֶער קִינְדֶער, עֶנְק וֵוייסְן וֶוער סְ'הָאט גֶעמַאכְט דִי עֶרְקָאנְדִישְׁן?





# דִי הֵיילִיגֶע טֶעג

**יוֹסִי:** יָא, סְ׳קוּמְט פוּן דִי סְטָאר.

**טַאטֶע:** אִין אַ סְטָאר קֶען מֶען נָאר ״קוֹיפְן״ אַ עֶרְקָאנְדִישְׁן. אָבֶּער וֶוער הָאט גֶעמַאכְט דִי עֶרְקָאנְדִישְׁן?

**יוֹסִי:** עֶפֶּעס אַ מֶענְטְשׁ אִין אַ קָאמְפַּאנִי!

**טַאטֶע:** יָא, אָבֶּער....

**מֵאִיר:** אָה, אִיךְ וֵויים,

**טַאטֶע:** נוּ זָאג.

**מֵאִיר:** דֶער הֶיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הָאט בַּאשַׁאפֶן אַ קְלוּגֶע מֶענְטְשׁ, וָואס הָאט אוֹיסְגֶעטְרָאפְן וְויאַזוֹי מֶען שְׁטֶעלְט צוּזַאם אַ עֶרְקָאנְדִישְׁן!

**טַאטֶע:** דָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע עֶנְטְפֶער! אָבֶּער לָאמִיךְ דִיךְ פְרֶעגְן, פַארְוָואס הָאט עֶס דֶער הֶיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעטוּהְן?

**מֵאִיר:** וַוייל... דֶער הֶיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אוּנְז אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ, אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַז אֲפִילוּ אִינְדְרוֹיסְן אִין גַאס אִיז אַזוֹי הֵייס, זָאלְן מִיר אוֹיךְ קֶענֶען הָאבְּן פְרִישֶׁע קַאלְטֶע לוּפְט.





# די הייליגע טעג

**טַאטֶע:** זֵייעֶר גוּט גֶעזָאגְט.

**שְׂרָאְלִי:** טַאטִי,

**טַאטֶע:** יָא שְׂרָאְלִי.

**שְׂרָאְלִי:** דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָאט אוּנְז "מֶער לִיבּ" אִין חוֹדֶשׁ אֶלוּל?

**טַאטֶע:** דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָאט אוּנְז אֵייבִּיג זֵייעֶר שְׁטַארְק לִיבּ. אָבֶּער חוֹדֶשׁ אֶלוּל אוּן חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי, אִיז אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע הֵיילִיגֶע צַייט, אוּן מֶען רוּפְט עֶס "דִי הֵיילִיגֶע טֶעג". עֶנְק וֵוייסְן פַּארְוָואס? וַוייל חוֹדֶשׁ אֶלוּל אוּן חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי, טוּהְט מֶען אַסַאךְ תְּשׁוּבָה אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאל אַוֶועק נֶעמֶען אַלֶע עֲבֵירוֹת, אוּן וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ צוּגְרֵייטְן מִיט אַסַאךְ גוּטֶע אוּן הֵיילִיגֶע מִצְוֹות, דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וִויל אַז מִיר אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן אָנְפַאנְגֶען דִי נֵייעֶ יָאר מִיט אַ רֵיינֶע הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה.

Track 3

**יוֹסִי:** טַאטִי, וָואס אִיז אַ נְשָׁמָה, אוּן וָואס מֵיינְט עֶס? אוּן פַּארְוָואס דַארְף זַיין דִי נְשָׁמָה רֵיין, וֶוער מַאכְט עֶס שְׁמוּצִיג?

**טַאטֶע:** יוֹסִי, לָאמִיר דִיר גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין. דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט בַּאשַׁאפֶען דִי מֶענְטְשׁ מִיט אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה אוּן אוֹיךְ אַ גוּף. אַ גוּף מֵיינְט, דִי קֶערְפֶּער פוּן אַ מֶענְטְשׁ. לְמָשָׁל, דִי קָאפּ, דִי הֶענְט, דִי פִּיס, דִי מוֹיל, דִי אַלֶע זַאכְן בַּאלַאנְגֶען צוּם גוּף, אָבֶער דִי הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אַ יֶעדֶע אִיד, דָאס קֶען קֵיינֶער נִישְׁט זֶעהן! נָאר דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער קֶען עֶס זֶעהן, אוּן אוּנְז דַארְף מִיר גֶעבְּן צוּ עֶסְן סַיי פַאר דִי גוּף, אוּן סַיי פַאר דִי נְשָׁמָה.



# די הייליגע טעג

**הֶערְשִׁי:** וְויאַזוֹי גֶעט מֶען צוּ עֶסְן פַאר אַ נְשָׁמָה? מְ׳קֶען נִישְׁט זֶעהן אַ נְשָׁמָה, וְויאַזוֹי קֶען אַ נְשָׁמָה עֶסְן?

**טַאטֶע:** וֶוען דוּ מַאכְסְט אַ עֶרְלִיכֶע בְּרָכָה פַאר׳ן עֶסְן, אוּן אַ עֶרְלִיכֶע נָאךְ בְּרָכָה נָאכְן עֶסְן, הָאסְטוּ אַ "מִצְוָה". אוּן "דִי מִצְוָה" אִיז דִי עֶסְן פַאר דַיין הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה! דַיין הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה קֶען נִישְׁט עֶסְן אַ קוּקִי, דַיין הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה עֶסְט נָאר מִצְווֹת! וֶוען דוּ טוּסְט אַ מִצְוָה, דוּ לֶערֶנְסְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אָדֶער דוּ דַאוֶוענְסְט עֶרְלִיךְ, דִי פִּירְסְט זִיךְ אוֹיף זֵייעֶר וואוֹיל, "דָאס" אִיז עֶסְן פַאר דַיין הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה!

**יוֹסִי:** אַהַא... וֶוען אִיךְ פָאלְג מַיין יֵצֶר טוֹב אוּן אִיךְ טוּה אַ מִצְוָה, לְמָשָׁל אִיךְ זָאג מוֹדֶה אֲנִי צוּפְרִי, אָדֶער אִיךְ פָאלְג שֵׁיין, דֶעמָאלְטְס פְרֵיידְט זִיךְ מַיין נְשָׁמָה?, אַהַא... וֶועגְן דֶעם שְׁפִּיר אִיךְ מִיךְ אַזוֹי גוּט וֶוען אִיךְ בִּין וואוֹיל, וַוייל מַיין הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה בַּאקוּמְט אַזֶעלְכֶע גוּטֶע עֶסְן, דִי מִצְווֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

**טַאטֶע:** אֱמֶת! אוֹיב אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ פָאלְגְט נֶעבֶּעךְ דִי יֵצֶר הָרָע אוּן מִיט וַואסֶער, מִיט זֵייף, אוּן דִי וַואשׁ מַאשִׁין קְרַאצְט אַרָאפּ דִי שְׁמוּץ, אוּן סְ׳וַואשְׁט אוֹיס דִי הֶעמְד, אוּן דִי הֶעמְד וֶוערְט צוּרִיק שֵׁיין רֵיין, אָבֶּער אוֹיב אֵיינֶעמְ׳ס נְשָׁמָה אִיז גֶעוָוארְן שְׁמוּצִיג וַוייל עֶר הָאט גֶעטוּהְן אַ עֲבֵירָה, דַארְף מֶען יֶעצְט אוֹיסְרֵיינִיגְן דִי נְשָׁמָה! מֶען דַארְף אַרָאפְּקְרַאצְן דִי שְׁמוּץ פוּן דִי נְשָׁמָה, נִישְׁט מִיט אַ וַואשׁ מַאשִׁין, אַ נְשָׁמָה קֶען מֶען נִישְׁט אַרַיינְלֵייגְן אִין אַ וַואשׁ מַאשִׁין... אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה וַואשְׁט מֶען אוֹיס נָאר וֶוען מְ׳טוּהְט תְּשׁוּבָה!

**שְׂרָאלִי:** אָבֶּער טַאטִי, וְויאַזוֹי טוּט מֶען תְּשׁוּבָה? אוּן וְויאַזוֹי וַואשְׁט מֶען אוֹיס אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה.

**טַאטֶע:** וֶוען מְ׳וֵויינְט צוּ דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער מִיט טְרֶערֶעלֶעךְ פוּן דִי אוֹיגְן.





**טַאטֶע:** און מְ׳זָאגְט צוּ אַז מֶער גֵייט מֶען נִישְׁט פָּאלְגְן דִי שְׁלֶעכְטֶע יֵצֶר הָרָע, און מִיט דִי תְּשׁוּבָה, וָואס אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט זִיךְ פָּאר, קֶען מֶען אוֹיסְוַואשְׁן און אוֹיסְמֶעקְן אוּנְזֶערֶע עֲבֵירוֹת. און דִי הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה וֶוערְט צוּרִיק רֵיין.

Track 4

**הֶערְשִׁי:** דֶערְפַאר הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעגֶעבְּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל און חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי, וָואס אִין דִי צְוֵויי חֲדָשִׁים הָאבְּן מִיר אַ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה, יוֹם כִּיפּוּר. און מִיר דַארְפְן אוֹיסְנִיצְן דִי מַתָּנָה פון תְּשׁוּבָה, און טַאקֶע אוֹיסְוַואשְׁן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת מִיט דְרַיי זַאכְן: תְּשׁוּבָה, תְּפִילָה, און צְדָקָה.

**טַאטֶע:** קִינְדֶערְלֶעךְ, יֶעצְט לָאמִיר הֶערְן פון עֶנְק, וָואס מֵיינְט "תְּשׁוּבָה"?

**מֵאִיר:** מֶען זָאגְט צוּ, אַז מֶער גֵייט מֶען נִישְׁט פָּאלְגְן דִי יֵצֶר הָרָע, און מֶער נִישְׁט טוּהן עֲבֵירוֹת. לְמָשָׁל, אוֹיבּ אֵיינֶער זָאגְט לִיגְנְט, וָואס לִיגְנְט אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה, און סְ׳מַאכְט דִי הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה שְׁמוּצִיג. אָבֶּער וֶוען עֶר נֶעמְט זִיךְ פָּאר, אַז עֶר גֵייט מֶער "קֵיינְמָאל נִישְׁט זָאגְן לִיגְנְט", און אֵייבִּיג זָאגְן נָאר דִי אֱמֶת, "אָט דָאס מֵיינְט תְּשׁוּבָה", און זַיין הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה וֶועט וֶוערְן צוּרִיק רֵיין.

**טַאטֶע:** זֵייעֶר גוּט גֶעעֶנְטְפֶערְט! און וָואס מֵיינְט "תְּפִילָה"?

**יוֹסִי:** דָאס וָואס מִיר טוּהן רֹאשׁ הַשָּׁנָה און יוֹם כִּיפּוּר, מֶען זִיצְט אַ גַאנְצֶע טָאג אִין שׁוּל, און מֶען דַאוְונְט צוּ דֶעם הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, און מֶען בֶּעט אַז עֶר זָאל טַאקֶע אוּנְז מוֹחֵל זַיין אַלֶע עֲבֵירוֹת, און אָנְשְׁרַייבְּן אִין דִי גָאלְדֶענֶע בּוּךְ "אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר"!

**טַאטֶע:** זֵייעֶר גוּט! און וָואס מֵיינְט "צְדָקָה"?



**שְׂרָאְלִי:** אַז אִיךְ גִיבּ אַוֶועק פוּן "מַיין גֶעלְט" אָדֶער עֶפֶּעס וָואס אִיז מַיינְס, פַאר אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט, אַז עֶר זָאל אוֹיךְ הָאבְּן.

**טַאטֶע:** גֶעוַואלְדִיג! עֶטְס קֶענְטְס זֵייעֶר גוּט!

**שְׂרָאְלִי:** טַאטִי, הַיינְט הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהן אַ אִינְגְל אִין חֵדֶר, וָואס זַיין גַאנְצֶע רִיסֶעס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן און סְאִיז גֶעוָוארְן שְׁמוּצִיג, דִי אִינְגְל הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהַאט פַאר רִיסֶעס, נֶעבֶּעךְ, הָאבּ אִיךְ אִים אַוֶועק גֶעגֶעבְּן אַ בִּיסְל פוּן "מַיינֶע" רִיסֶעס אַז עֶר זָאל אוֹיךְ הָאבְּן! אוּן מַיין רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, עֶטְס זֶעהְטְס קִינְדֶער, דָאס מֵיינְט צְדָקָה!

Track 5

**טַאטֶע:** אִיךְ שֶׁעץ דִיךְ זֵייעֶר! דָאס הֵייסְט טַאקֶע צְדָקָה, אוּן אוֹיךְ "גְמִילַת חֲסָדִים". גְמִילַת חֲסָדִים מֵיינְט, טוּהן גוּטְס מִיט אַ אַנְדֶערֶע אִיד, שְׂרָאְלִי דוּ וֵוייסְט אַז דוּ הָאסְט יֶעצְט אַזֶעלְכֶע רִיזִיגֶע גְרוֹיסֶע שְׁוֶוערֶע מִצְוֹות!

**שְׂרָאְלִי:** רִיזִיגֶע גְרוֹיסֶע "שְׁוֶוערֶע" פַארְוָואס שְׁוֶוער?

**טַאטֶע:** אַ שְׁוֶוערֶע מִצְוָה אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ! וֶוען דוּ גִיבְּסְט עֶפֶּעס אַוֶועק פוּן דִיר, אָדֶער אוֹיבּ עֶס קוּמְט דִיךְ אָן שְׁוֶוער זִיךְ אַיינְצוּהַאלְטְן פוּן פָאלְגְן דִי יֵצֶר הָרָע, לְמָשָׁל, סְ'קוּמְט דִיר אָן שְׁוֶוער זִיךְ אַיינְצוּהַאלְטְן פוּן זָאגְן אַ לִיגְנְט, אוּן דוּ זָאגְסְט "יָא" דִי אֱמֶת, וֶוערְט דַיין מִצְוָה אַסַאךְ גְרֶעסֶער אוּן אוֹיךְ שְׁוֶוערֶער! אוּן דוּ דַארְפְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֵייט נֶעמֶען דִי גְרוֹיסֶע שְׁוֶוערֶע מִצְוֹות אוּן אַרוֹיפְלֵייגְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע וָואגְשָׁאל רֹאשׁ הַשָּׁנָה! אוּן דִי שְׁוֶוערֶע מִצְוֹות גֵייט אַרָאפְּוֶועגְן בִּיז אוּנְטְן!





# די הייליגע טעג

Track 6

**שְׁרָאלִי:** אַ וָואגְשָׁאל? וָואס מֵיינְט דָאס אַ וָואגְשָׁאל??

**הֶערְשִׁי:** מַיין רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַ וָואגְשָׁאל אִיז אַ שְׁטֶעקְן וָואס הָאט אוֹיף בֵּיידֶע זַייטְן אַ טֶעלֶער. אִין אֵיין זַייט לֵייגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אַרַיין אַלֶע מִצְוֹת, אוּן אִין דִי אַנְדֶערֶע זַייט אַלֶע עֲבֵירוֹת. אוּן וֶועלְכֶע זַייט ס'הָאט מֶער, וֶוערְט אוֹיךְ שְׁוֶוערֶער אוּן ס'וֶועגְט אַרָאפּ. אוּן אַזוֹי קֶען מֶען זֶעהן, הָאט דִי מֶענְטְשׁ מֶער עֲבֵירוֹת, שְׁרַייבְּט אִים דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אַרַיין אִין דִי שְׁוַוארְצֶע בּוּךְ, אוּן עֶר וֶועט נֶעבֶּעךְ בַּאקוּמֶען אַסַאךְ שְׁלֶעכְטֶע שְׁטְרָאפְן, אוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

הָאט דִי מֶענְטְשׁ בֵּיידֶע סַיי מִצְוֹת אוּן אוֹיךְ עֲבֵירוֹת, דֶעמָאלְט שְׁרַייבְּט מֶען אִים אַרַיין אִין דִי ווַייסֶע בּוּךְ, אוּן עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען גוּטֶע זַאכְן פַאר דִי מִצְוֹת, אָבֶער אוֹיךְ שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, ווַייל עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעטוּהְן עֲבֵירוֹת.

אוֹיב וֶועגְט אַרָאפּ נָאר דִי מִצְוֹת אוּן דִי עֲבֵירוֹת אִיז אִינְגַאנְצְן לֵיידִיג, דֶעמָאלְט שְׁרַייבְּט אִים דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אַרַיין...

**קִינְדֶער:** אִין דִי גָאלְדֶענֶע בּוּךְ!

**הֶערְשִׁי:** אוּן עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען "נָאר" גוּטֶע זַאכְן! פַארְשְׁטֵייסְט?

**טַאטֶע:** זֵייעֶר גוּט גֶעזָאגְט הֶערְשִׁי. אוּן קִינְדֶערְלֶעךְ, עֶטְס ווֵייסְט וָואס נָאךְ? פוּן יֶעדֶע מִצְוָה וֶוערְט בַּאשַׁאפֶען אַ גוּטֶע מַלְאָךְ וָואס ווִיל אִים טוּהן נָאר גוּטְס. מ'קֶען נִישְׁט זֶעהן דִי מַלְאָךְ מִיט דִי אוֹיגֶעלֶעךְ, אָבֶער דִי מַלְאָךְ אִיז דָא, עֶר שְׁטֵייט נֶעבְּן דִי אִיד וָואס הָאט גֶעטוּהְן דִי מִצְוָה, אוּן דִי מַלְאָךְ הִיט אָפּ דִי אִיד.

אוֹיב אָבֶער אַ אִיד פָּאלְגְט חָלִילָה דִי יֵצֶר הָרָע אוּן עֶר טוּהְט אַ עֲבֵירָה, וֶוערְט נֶעבֶּעךְ בַּאשַׁאפֶען אַ שְׁוַוארְצֶע שְׁלֶעכְטֶע מַלְאָךְ.



**טאטע:** וואָס וויל אים נאָר טוהן שלעכטע זאכן. אָבער ווען מ׳טוהט תשובה, נעמט דער הייליגער באשעפער אוועק די שלעכטע מלאך. און נאך מער, אנשטאט די שלעכטע מלאך, באקומט מען יעצט א גוטע מלאך! ווייל טוהן תשובה איז א גרויסע מצוה! און מיר דארפן אריינכאפן נאך און נאך גוטע מלאכים דורך דעם וואס מיר טוהן אסאך מצות!

Track 7

## ניגון — א מצוה א גוטע מלאך



צו טוהן מצוות, האב איך זייער ליב
אין חדר, אין גאס, און אין שטוב
יעדע מצוה, וואס איך כאפ אריין
באשאף איך א מלאך הערליך און שיין

נאך און נאך מצוה׳לעך, טו איך אריינכאפן
ארויף אויפ׳ן וואגשאל מ׳לייגט איר
נאך און נאך מלאכים, ווערן באשאפן
זיי רעדן אלע גוטס אויף מיר

אהוי, אפילו א מצוה׳לע, קומט אן שווער
איך טו עס מיט א שמייכל אן אויפהער
דער אייבערשטער באצאלט פאר דעם סאך מער

נאך און נאך מצוה׳לעך...





Track 8

**שְׂרָאְלִי:** קוּקְטְ׳ס יֶעדֶער, אִיךְ הָאב אַזַא שֵׁיינֶע אַרְטְס-עֶנְד-קְרֶעפְּטְס! זֶעהסְט? ס׳הָאט דְרֵיי בִּיכֶער, אַ שְׁוַוארְצֶע, אַ וַוייסֶע, אוּן אַ גָאלְדֶענֶע! מַיין נָאמֶען אִיז אִין דִי גָאלְדֶענֶע! וַוייל אִיךְ בִּין אֵייבִּיג זֵייעֶר אַ וואוֹילֶע אִינְגְל!

**טַאטֶע:** זֵייעֶר שֵׁיין.

**מֵאִיר:** מַיין רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַז הַיינְט נַאכְט דַארְפְן מִיר שְׁנֶעל גֵיין שְׁלָאפְן, וַוייל מָארְגְן דַארְפְן מֶען אוֹיפְשְׁטֵיין זֵייעֶר פְּרִי, וֶוען ס׳אִיז נָאךְ טוּנְקְל, גֵיין אִין שׁוּל דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג סְלִיחוֹת, אוּן מֶען פַאנְגְט אָן צוּ אִיבֶּערְבֶּעטְן דִי הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער! אִיךְ גֵיי יֶעצְט אָנְשְׁטֶעלְן מַיין וֶועקֶער זֵייגֶער, אָקֶעי...5:00 אַזֵייגֶער פַארְטָאגְס! גוּטֶע נַאכְט!

**טַאטֶע:** אַ גוּטֶע נַאכְט מֵאִיר.

**מֵאִיר:** אַ גוּטֶע נַאכְט.



# די הייליגע טעג

Track 9

## ניגון וֶוען חוֹדֶש אֱלוּל קוּמְט צוּ גֵיין

וֶוען חוֹדֶש אֱלוּל קוּמְט צוּ גֵיין
וֵוייסְן מִיר, סַיי גְרוֹיס סַיי קְלֵיין
אִיךְ טוּה תְּשׁוּבָה גֶעשְׁווִינְד
אוֹיף אַלֶע מַיינֶע זִינְד
פוּן אַ גַאנְץ יָאר

דִי שׁוֹפָר טוּט, צוּ תְּשׁוּבָה דֶערְוֶועקְן
אַלֶע עֲבֵירוֹת וִויל מֶען אוֹיסְמֶעקְן
פוּן הַיינְט מָאל אָן
נָאר מִצְווֹת טָאן
נֶעמְט מֶען זִיךְ יֶעצְט פָאר

וֶוען סְ'קוּמְט שׁוֹין, דִי וָואךְ פוּן סְלִיחוֹת
נָאךְ אוּן נָאךְ מִצְווֹת, אִיךְ זִיךְ עֶס
מְ'בֶעהְט מִיט טְרֶערְן
דִי תְּפִילוֹת זָאל מֶען אוֹיסְהֶערְן
אַ גוּט יָאר, זָאל אָנְגֶעשְׁרִיבְּן וֶוערְן

מַיינֶע עֶלְטֶערְן, זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט
הָאבְּן נַחַת, פוּן אַ יֶעדְן קִינְד
דִי יָאר וָואס קוּמְט צוּ גֵיין
זָאל זַיין ווּאוֹיל אוּן פֵיין
אַקֶעגְן מָשִׁיחַ, זָאלְן מִיר גֵיין



# די הייליגע טעג

Track 10

**שְׁרָאְלִי:** טַאטִי,

**טַאטֶע:** יָא צַדִיק׳ל,

**שְׁרָאְלִי:** אִיךְ קֶען אָנְוִוינְטְשְׁן פַאר זֵיידִי אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר?

**טַאטֶע:** אַוַודַאי.... אָה, דִי טֶעלֶעפָאן קְלִינְגְט! הֶעלָא?

**זֵיידֶע:** אַ גוּטְן עֶרֶב יוֹם טוֹב, וָואס הֶערְט זִיךְ?

**טַאטֶע:** זֵיידִי! אַ גוּטְן עֶרֶב יוֹם טוֹב זֵיידִי, וִוי אַזוֹי שְׁפִּירְסְטוּ זִיךְ?

**זֵיידֶע:** בָּרוּךְ הַשֵּׁם פֵיין! הֶער, בַּאבִּי הָאט גֶעמַאכְט פַאר עֶנְק פֵיינֶע פְרִישֶׁע זִיסֶע מֵייעֶרְן לְכָבוֹד רֹאשׁ הַשָּׁנָה, ווִילְסְט עֶס קוּמֶען אוֹיפְפִּיקְן?

**טַאטֶע:** אַוַודַאי, זָאג פַאר בַּאבִּי אַ גְרוֹיסֶע יְיַשֵׁר כֹּחַ!

**זֵיידֶע:** זֵייעֶר גֶערְן! נִישְׁטָא פַארְוָואס. אוּן אַז דוּ קוּמְסְט שׁוֹין, וֶועל אִיךְ דִיר אוֹיךְ גֶעבְּן אַבִּיסְל פְרִישֶׁע הָאנִיג קֶעיק.





# די הייליגע טעג

**טַאטֶע:** יְיַשֵׁר כֹּחַ!

**זֵיידֶע:** און בַּאבִּי הָאט אוֹיךְ גֶעמַאכְט הָאנִיג קִיכֶעלֶעךְ. דֶער עִיקָר אִיז, אַז דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה זָאל הָאבְּן אַ זִיסֶע יָאר אַזוֹי וִוי הָאנִיג.

**טַאטֶע:** אָמֵן, און פַאר דִיר אוֹיךְ זֵיידִי. און זֵיידִי, אֵיינֶער ווִיל רֶעדְן מִיט דִיר.

**שְׂרָאלִי:** הֶעלָא, זֵיידִי?

**זֵיידֶע:** וֶוער אִיז דָאס, שְׂרָאלִי? וָואס מַאכְסְטוּ עֶפֶּעס צַדִיק׳ל?

**שְׂרָאלִי:** בָּרוּךְ הַשֵּׁם. דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאל הֶעלְפְן, אַז זֵיידִי און בַּאבִּי זָאלְן הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, און וֶוערְן אַרַיין גֶעשְׁרִיבְּן אִין דִי גָאלְדֶענֶע בּוּךְ, און זַיין גֶעזוּנְט בִּיז דִי הוּנְדֶערְט און צְוָואנְצִיג יָאר!

**זֵיידֶע:** אָמֵן! דוּ אוֹיךְ.

**שְׂרָאלִי:** אָמֵן! בֵּיי זֵיידִי, אַ גוּט יוֹם טוֹב!

**זֵיידֶע:** אַ גוּט יוֹם טוֹב פַאר עֶנְק אוֹיךְ, זַייטְס גֶעזוּנְט!

**טַאטֶע:** קִינְדֶער, אִיךְ גֵיי יֶעצְט גֵיין אִין גְרָאסֶערִי אַיינְקוֹיפְן דִי סִימָנִים וָואס מִיר פִירְן זִיךְ צוּ עֶסְן בַּיי דִי יוֹם טוֹב׳דִיגֶע סְעוּדָה רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיינַאכְט. זַייטְס גֶעזוּנְט קִינְדֶערְלֶעךְ, מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְס הִילְף אִיךְ וֶועל בַּאלְד זַיין צוּרִיק, אַ גוּטְן טָאג!

**קִינְדֶער:** אַ גוּטְן טָאג.

**יוֹסִי:** אָהָ, טַאטִי אִיז נִישְׁטָא... קֵיינֶער זֶעהט נִישְׁט,

**מֵאִיר:** יוֹסִי, וָואס טוּהסְטוּ?

**יוֹסִי:** שְׁשְׁשְׁ...

**מֵאִיר:** וָואס טוּהסְטוּ?





# דיהייליגעטעג

**יוֹסִי:** קוּק, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן אַ שֵׁיינֶע בְּרִיוו פַּאר טַאטִי אוּן מַאמִי, אִיךְ גֵיי עֶס לֵייגְן אוּנְטֶער דִי חַלָה דֶעקְל! אוּן וֶוען טַאטִי גֵייט אוֹיפְשְׁנַיידְן דִי חַלָה, וֶועט מֶען טְרֶעפְן מַיין בְּרִיוו!

**מֵאִיר:** וַואו, דֶעס אִיז אַ גוּטֶע עֵצָה.

**יוֹסִי:** אָבֶּער בִּיז דֶעמָאלְטְס טָאר קֵיינֶער נִישְׁט וִויסְן, סְ׳מוּז זַיין אַ סוּרְפְּרֵייז!

**מֵאִיר:** אִיךְ מֵיין אֵיינֶער קוּמְט, לֵייג שְׁנֶעל צוּרִיק דִי חַלָה, יוֹא, אִיךְ מַיין אֵיינֶער קוּמְט, לֵייג שְׁנֶעל צוּרִיק אַלֶעס, דִי חַלָה, דִי דֶעקְל.

**יוֹסִי:** אַה, בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעלוּנְגֶען...



# דיהייליגע טעג

Track 11

## ניגון ראֹש הַשָּׁנָה אִיז גֶעקוּמֶען

ראֹש הַשָּׁנָה אִיז גֶעקוּמֶען,
אוּן מִיר טוּהן שׁוֹפָר בְּלָאזְן,
טוּה תְּשׁוּבָה טוּה תְּשׁוּבָה,
טָא טָא רָא טָא, טָא טָא רָא.

Track 12

**מִשְׁפָּחָה:** אַ גוּט יוֹם טוֹב!

**מֵאִיר:** אִיךְ וֵוייס וָואס מֶען דַארְף טוּהן וֶוען מְ'קוּמְט אַהֵיים פוּן שׁוּל ראֹש הַשָּׁנָה בַּייְנַאכְט. טַאטִי: "לְשָׁנָה טוֹבָה תִּכָּתֵב וְתֵחָתֵם, לְאַלְתַּר לְחַיִּים, אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר!"

**טַאטֶע:** אָמֵן! לְשָׁנָה טוֹבָה תִּכָּתֵב וְתֵחָתֵם, לְאַלְתַּר לְחַיִּים, אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר!

**יִשַׁי:** פַאר דִי מַאמֶע זָאגְט מֶען אַבִּיסְל אַנְדֶערְשׁ: לְשָׁנָה טוֹבָה תִּכָּתֵבִי וְתֵחָתֵמִי, לְאַלְתַּר לְחַיִּים, אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר!

**טַאטֶע:** אוּן יֶעצְט גֵייעֶן מִיר מַאכְן אַ יוֹם טוֹב'דִיגֶע קִידוּשׁ. אוּן מִיר גֵייעֶן עֶסְן דִי סְפֶּעצִיעֶלֶע עֶסְן אוּן סִימָנִים לִכְבוֹד ראֹש הַשָּׁנָה. וֶוער וֵוייסְט וָואס מֶען עֶסְט?

**שָׁלוֹם:** אִיךְ וֵוייס, מֶען גֵייט אֵיינְטִינְקְן דִי חַלָּה אִין דִי הָאנִיג, אוּן אוֹיךְ זִיסֶע עֶפְּל אִין דִי הָאנִיג, אַז מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ זִיסֶע יָאר,

**טַאטֶע:** יָא, דוּ וֵוייסְט גוּט!





# דִי הֵיילִיגֶע טֶעג

**שָׁלוֹם:** אוֹיךְ גֵייעֶן מִיר עֶסְן מִילְגְרוֹים.

**יוּדִי:** טַאטִי, פַארְוָואס עֶסְט מֶען מִילְגְרוֹים רֹאשׁ הַשָּׁנָה?

**טַאטֶע:** סְ׳אִיז דָא עֶטְלִיכֶע טַעֲמִים. דוּ וֵוייסְט, אַ מִילְגְרוֹים הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ קֶערְעלֶעךְ, סְ׳הָאט זֶעקְס הוּנְדֶערְט אוּן דְרֵייצְן קֶערְעלֶעךְ, אַזוֹי וִוי דִי זֶעקְס הוּנְדֶערְט אוּן דְרֵייצְן מִצְווֹת וָואס אוּנְז הָאבְּן מִיר פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

**בֶּערְל:** אוֹיךְ עֶסְן מִיר דִי קָאפּ פוּן אַ שֶׁעפְּסְל אָדֶער אַ פִּישׁ.

**יוֹסִי:** אִיךְ וֵויים! מַאמִי הָאט מִיךְ גֶעוִויזְן, זִי הָאט אָפְּגֶעקָאכְט דִי קָאפּ פוּן אַ פִּישׁ, סְ׳קוּקְט אוֹיס אַזוֹי אִינְטֶערְסַאנְט! מְ׳קֶען זֶעהְן דִי אוֹיגְן, דִי נָאז, דִי מוֹיל. אוּן מִיר גֵייעֶן דָאס עֶסְן, וַוייל דִי קָאפּ אִיז דִי חָשׁוּבְ׳סְטֶע אוּן דִי בֶּעסְטֶע חֵלֶק, אוּן מִיר אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען אוֹיךְ דִי חָשׁוּבְ׳סְטֶע אוּן דִי בֶּעסְטֶע פַאר דִי הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער!

**טַאטֶע:** זֵייעֶר גוּט! עֶס דֶערְקֶענְט זִיךְ אַז עֶטְס לֶערֶנְטְס פְלַייסִיג אִין חֵדֶר, אוּן עֶטְס הֶערְטְס גוּט אוֹיס עֶנְקֶער רֶבִּי, וֶוען אַ קִינְד אִיז וואוֹיל אִין חֵדֶר, אוּן עֶר הֶערְט גוּט אוֹיס זַיין רֶבִּי, הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעטוּהְן אַסַאךְ גְרוֹיסֶע מִצְווֹת. אַלֶעס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי וָואגְשָׁאל! אוּן וָואס נָאךְ עֶסְן מִיר?

**הֶערְשִׁי:** זִיסֶע מֵייעֶרְן, אַז מִיר זָאלְן פַארְמֶערְן אוּנְזֶערֶע מִצְווֹת.

**טַאטֶע:** אוּן אוֹיךְ בַּאקְט מֶען לְכָבוֹד רֹאשׁ הַשָּׁנָה רִינְדֶעכִיגֶע חַלוֹת. וַוייל, אַ רִינְדֶעכִיגֶע חַלָה זֶעהט אוֹיס אַזוֹי וִוי אַ קְרוֹין, אוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה טוּעֶן מִיר בַּאקְרוֹינֶען דֶעם הֵיילִיגֶען בַּאשֶׁעפֶער. לָאמִיךְ עֶנְק וַוייזְן דִי רִינְדֶעכִיגֶע חַלוֹת.

**מֵאִיר:** טַאטִי גֵייט עֶס טְרֶעפְן...

**יוֹסִי:** שְׁשְׁשְׁ... לָאז....



# דיהייליגעטעג

טַאטֶע: עֶטְס זֶעהְטְס, דֶעס אִיז אַ רִינְדֶעכִיגֶע חַלָּה! סְ'קוּקְט אוֹיס אַזוֹי וְוִי אַ... אָהה אַ שֵׁיינֶע בְּרִיוו! וֶוער הָאט גֶעלֵייגְט אַזַא שֵׁיינֶע הֶערְלִיכֶע בְּרִיוו, בַּאהַאלְטְן אוּנְטֶער דִי חַלָּה?!

יוֹסִי: אִיךְ!

טַאטֶע: אָהה... הָאסְט מִיר גֶעמַאכְט אַ סוּרְפְּרֵייז... וַואו! נוּ, דָא הָאסְטוּ, לַייעֶן עֶס פָאר הוֹיךְ.

יוֹסִי: "לְכָבוֹד דֶעם נַייעֶם יָאר ,
ווַאוּנְטְש אִיךְ אַייךְ אָהן בְּרָכוֹת בִּיז גָאר,
אִיךְ נֶעם זִיךְ אֶמֶתְ'דִיג פָאר.
אַלֶעמָאל זִיךְ גוּט אוֹיפְצוּפִירֶען,
אִיר זָאלְט קֶענֶען מִיט מִיר שְׁטָאלְצִירְן.
אִיךְ בֶּעט אַייךְ אִיר זָאלְט מִיךְ מוֹחֵל זַיין,
אוֹיב אַמָאל הָאבּ אִיךְ מִיר נִישְׁט גוּט גֶעטוּהְן בַּאגֵיין.
עֶס וֶועט מֶער נִישְׁט גֶעשֶׁעהְן,
אִיר וֶועט בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם נָאר יוּדִישׁ נַחַת בַּיי מִיר זֶעהְן. אָמֵן!"



**טַאטֶע:** אָמֵן! זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע צֶעטְל, וַואו! מֵאִיר, אִיךְ זֶעה וִוי דוּ שְׁמֵייכֶעלְסְט דִיךְ אַזוֹי אוּנְטֶער... וֶוען הָאט מֶען בַּאהַאלְטְן דֶעם צֶעטְל?!

**מֵאִיר:** וֶוען דוּ בִּיזְט גֶעוֶוען אִין גְרָאסֶערִי...

**טַאטֶע:** אַהה... עֶטְס זֶעהְטְס קִינְדֶער, עֶר זָאגְט דִי אֱמֶת!

Track 13

## ניגון רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיינַאכְט-זָכְרֵנוּ לְחַיִּים

רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיינַאכְט, וֶוען מֶען קוּמְט פוּן שׁוּל אַהֵיים,
זָאגְט מֶען לְשָׁנָה טוֹבָה, תִּכָּתֵב וְתֵחָתֵם
לְאַלְתַּר לְחַיִּים, אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר,
צוּ זַיין זֵייעֶר וואוּיל, נֶעמְט מֶען זִיךְ פָּאר.

מֶען טִינְקְט אֵיין דִי עֶפְּל, אִין דִי הָאנִיג פוּן אִינְמִיטְן טִישׁ,
שָׁנָה טוֹבָה וּמְתוּקָה זָאגְט מֶען דֶערוֹיף,
אוֹיף דִי קָאפּ פוּן דִי שֶׁעפְּסְל, אָדֶער פוּן דִי פִישׁ,
זָאגְט מֶען שֶׁנִּהְיֶה לְרֹאשׁ וְלֹא לְזָנָב.

בְּסֵפֶר חַיִּים. בְּרָכָה וְשָׁלוֹם. וּפַרְנָסָה טוֹבָה.
וּגְזֵרוֹת טוֹבוֹת. יְשׁוּעוֹת וְנֶחָמוֹת. נִזָּכֵר וְנִכָּתֵב
לְפָנֶיךָ. אֲנַחְנוּ וְכָל עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל.
לְחַיִּים טוֹבִים וּלְשָׁלוֹם:





# די הייליגע טעג

Track 14

**טַאטֶע:** רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַּאנְגְט זִיךְ אָן אַ נַייעֶ יָאר, אוּן עֶס אִיז זַייעֶר אַ הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז סְפֶּעצִיעֶל זַייעֶר נָאנְט צוּ אוּנְז, אוּן מִיר דַארְפְן אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט.

עֶנְק וַוייסְן קִינְדֶער, פַאר דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט בַּאשַׁאפֶן אַ מֶענְטְשׁ, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער בַּאשַׁאפֶן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. דִי וַואסֶער, דִי הִימְל, דִי עֶרְד, אַלֶע בֵּיימֶער, אַלֶע חַיוֹת. אָבֶער סְ׳אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען ״וֶוער״ סְ׳זָאל גֵיין אִין שׁוּל! אַ בּוֹים קֶען נִישְׁט גֵיין אִין שׁוּל... אַ בּוֹים קֶען נִישְׁט רֶעדְן!

דֶערְפַאר, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער בַּאשַׁאפֶן דִי מֶענְטְשׁ, וָואס אוּנְז קֶען מִיר יָא רֶעדְן, אוּן אוּנְז קֶענֶען יָא גֵיין אִין שׁוּל, מִיר קֶענֶען טוּהן מִצְווֹת, לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן מִיר קֶענֶען דַאוְונֶען אוּן לוֹיבְּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וָואס עֶר אִיז דִי גְרֶעסְטֶע קֶענִיג אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט!

אוּן דִי עֶרְשְׁטֶע מֶענְטְשׁ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט בַּאשַׁאפֶן, הָאט גֶעהֵייסְן ״אָדָם הָרִאשׁוֹן״ אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן בַּאשַׁאפֶן אִין דִי זֶעלְבֶּע טָאג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעוָוארְן אַ קֶענִיג! דֶערְפַאר גֵייעֶן מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין שׁוּל, אוּן מִיר דַאוְונֶען אוּן מִיר זִינְגֶען צוּ דִי גְרוֹיסֶע קֶענִיג.

**חַזָן:** ״הַמֶּלֶךְ״

**קִינְדֶער:** ״הַמֶּלֶךְ״

**טַאטֶע:** הַמֶּלֶךְ, מֵיינְט אַ קֶענִיג, דִי גְרֶעסְטֶע קֶענִיג פוּן דִי וֶועלְט.





# די הייליגע טעג

**טַאטֶע:** רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאבְּן מִיר זֵייעֶר אַ לַאנְגֶע דַאוֶונֶען, דִי קִינְדֶער וָואס גֵייעֶן אִין שׁוּל אָבֶּער קֶענֶען נָאךְ נִישְׁט מִיטְהַאלְטְן דִי גַאנְצֶע דַאוֶונֶען, דַארְפְן גֶעדֶענְקֶען צוּ זַיין זֵייעֶר וואוּיל, אוּן חָלִילָה נִישְׁט שְׁטֶערְן דִי טַאטֶע׳ס וָואס דַארְפְן הֶערְן וִוי מֶען בְּלָאזְט מִיט אַ שׁוֹפָר הוּנְדֶערְט מָאל. וָואס מִיט דֶעם בְּלָאזְן פוּן דֶעם שׁוֹפָר, צוּמִישְׁט מֶען דֶעם שְׁלֶעכְטֶען יֵצֶר הָרָע וָואס ווִיל רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אוּנְז.

אוּן אוֹיךְ וֶוען מִיר הֶערְן דֶעם קוֹל וִוי דִי שׁוֹפָר שְׁרַייט, וֶועקְט עֶס אוֹיף אוּנְזֶער הַארְץ. אוּן עֶס דֶערְמַאנְט אוּנְז אַז דִי גְרֶעסְטֶע קֶענִיג פוּן דִי וֶועלְט ״דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין״ הֶערְט אוֹיס יֶעצְט אוּנְזֶער דַאוֶונֶען! אוּן פַאר דִי כָּבוֹד פוּן אוּנְזֶער גְרוֹיסֶע קֶענִיג, דַאוְונְט מֶען אַ לַאנְגֶע שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה אוּן מֶען זָאגְט דְרֵיי בְּרָכוֹת, וָואס הֵייסְט: ״מַלְכִיּוֹת, זִכְרוֹנוֹת, אוּן שׁוֹפְרוֹת״. אוּן נָאךְ יֶעדֶע בְּרָכָה, בְּלָאזְט מֶען מִיט דִי שׁוֹפָר. אוּן נָאכְדֶעם זִינְגְט מֶען אַ שֵׁיינֶע נִיגוּן, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט זֵייעֶר הֲנָאָה דֶערְפוּן.







Track 15

## ניגון — נִיגּוּן אֲרֶשֶׁת שְׂפָתֵינוּ

אֲרֶשֶׁת שְׂפָתֵינוּ יֶעֱרַב לְפָנֶיךָ אֵל רָם וְנִשָּׂא
מֵבִין וּמַאֲזִין מַבִּיט וּמַקְשִׁיב לְקוֹל תְּקִיעָתֵנוּ,
וּתְקַבֵּל בְּרַחֲמִים וּבְרָצוֹן
סֵדֶר מַלְכֻיּוֹתֵינוּ

Track 16

**טַאטֶע:** וֶועןמְ׳עֶנְדִיגְט דִי לַאנְגֶע דַאוֶועֶנֶען, זִינְגֶען מִיר אַ ״פְּרֵיילִיכֶע נִיגוּן״, וַוייל מְ׳אִיז זִיכֶער אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הָאט אַוַודַאי צוּ גֶעהֶערְט צוּ אוּנְזֶערֶע תְּפִילוֹת, אוּן עֶר גֵייט שׁוֹין שִׁיקְן מָשִׁיחַ, אוּן אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן פוּן דִי גָלוּת. אוּן דֶעמָאלְטְס וֶועט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער וַוייזְן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַז עֶר, אוּן נָאר עֶר, אִיז דִי גְרֶעסְטֶע אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע קֶענִיג.

Track 17

## ניגון — כִּי לַה׳ הַמְּלוּכָה

כִּי לַה׳ הַמְּלוּכָה וּמוֹשֵׁל בַּגּוֹיִם





# דִי הֵיילִיגֶע טֶעג

Track 18

**יִשַׁי:** ס'אִיז שׁוֹין נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מְ'גֵייט גֵיין צוּ תַּשְׁלִיךְ, אוּן אַרֵיינְוַוארְפְן אַלֶע עֲבֵירוֹת!

**שְׂרָאְלִי:** טַאטִי, הַיינְט אִיז אוֹיךְ אַ יוֹם טוֹב?

**טַאטֶע:** נֵיין, שְׂרָאְלִי, הַיינְט אִיז נִישְׁט אַ יוֹם טוֹב. הַיינְט אִיז "עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה". רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט יֶעדֶער צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר גֵייט שׁוֹין זַיין אֵייבִּיג זֵייעֶר ווארִיל. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבְּט אוּנְז נָאךְ צֶעהן טֶעג, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וִויל טַאקֶע זֶעהן, בִּיסְטוּ טַאקֶע ווארִיל? אוּן מֶען דַארְף טַאקֶע וַוייזְן פַאר דִי הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער אַז מְ'אִיז טַאקֶע זֵייעֶר ווארִיל, אוּן מֶען פָּאלְגְט מֶער גָארְנִישְׁט דִי יֵצֶר הָרָע.

אוּן נָאךְ אַ טַעַם פַארְוָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי צֶעהן טֶעג, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וִויל גֶעבְּן מֶער צַייט פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נָאךְ נִישְׁט אִינְגַאנְצְן תְּשׁוּבָה גֶעטוּהְן. פַאר דֶעם הֵייסְן טַאקֶע דִי טֶעג "עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה"



**טַאטֶע:** דָאס מֵיינְט דִי צֶעהן טֶעג וָואס מֶען טוּהְט תְּשׁוּבָה. אוּן דֶער הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶּער וַוארְט, עֶר וַוארְט, אַז יֶעדֶער זָאל אִינְגַאנְצְן תְּשׁוּבָה טוּהן, כְּדֵי עֶר זָאל קֶענֶען "יֶעדְן אֵיינֶעם" אַרַיין שְׁרַייבְּן אִין דִי גָאלְדֶענֶע בּוּךְ.

Track 19

**יוּדִי:** אוּן נָאכְדֶעם, גֵייעֶן מִיר שְׁלָאגְן כַּפָּרוֹת!

**טַאטֶע:** עֶס הֵייסְט טַאקֶע "שְׁלָאגְן כַּפָּרוֹת" וַוייל מִיר גֶעבְּן פַּאר דִי כַּפָּרוֹת אוּנְזֶער עֲבֵירוֹת. אָבֶער מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר פָּארְזִיכְטִיג חָלִילָה נִישְׁט וַויי צוּ טוּהן דִי כַּפָּרָה'לֶע, וַוייל דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵרָה וָואס הֵייסְט "צַעַר בַּעֲלֵי חַיִים". אוּן מִיר זוּכְן נָאר צוּ טוּהן מִצְווֹת.

Track 20

## ניגון — כַּפָּרָה'לֶע

וֶוען עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה, קוּמֶען שׁוֹין אָן
נֶעם אִיךְ אַ כַּפָּרָה'לֶע אַ הָאן
הֶעכֶער מַיין קֶעפֶּעלֶע, טוּ אִיךְ עֶס אַרוּמְדְרֵייעֶן
מַיינֶע עֲבֵירוֹת זָאל מֶען פַארְצַייעֶן

זֶה חֲלִיפָתִי, דְרֵיי מָאל טוּהט מֶען זָאגְן
מִיט דֶעם טוּ אִיךְ כַּפָּרוֹת שְׁלָאגְן
כַּפָּרָה'לֶע כַּפָּרָה'לֶע, הֶער זִיךְ צוּ צוּ מִיר
אִיךְ וִויל מִיךְ אוֹיסְפְּטוּישְׁן מִיט דִיר





# דִי הֵיילִיגֶע טֶעג

אוֹי אַלֶע עֲבֵירוֹת, וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהְן
זָאלְן אַרִיבֶּערְגֵיין צוּ דִיר הָאן
אוּן פַאר מִיר, זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן
אַ זִיסֶע אוּן פְרֵיילִיךְ לֶעבְּן

אַזוֹי וִוי אַ הִינְדֶעלֶע, וָואס אִיז וַוייס אוּן רֵיין
זָאלְן דִי עֲבֵירוֹת פוּן מִיר אַרָאפְּגֵיין
אוּן פוּן הַיינְט מָאל אָן, בִּין אִיךְ זוֹיבֶּער אוּן וַוייס
נִישְׁט מַאכְן מֶער קַיין גְרַייז

,

מְ'נֶעמְט דִי כַּפָּרָה'לֶע, צוּם שׁוֹחֵט מְ'גֵייט
עֶר שֶׁחְט דָאס, אַזוֹי וִוי אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט
אוּן מִיט דִי פְלֵייש, אַ מִצְוָה ווִיל אִיךְ טוּהן
פַאר אַן אָרִימַאן גִיבּ אִיךְ עֶס אַהִין

Track 21

**טַאטֶע:** סְ'קוּמְט שׁוֹין דִי גְרוֹיסֶע הֵיילִיגֶע טָאג יוֹם כִּיפּוּר, סְ'שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אַז יוֹם כִּיפּוּר דַארְף מֶען זִיךְ אַבִּיסֶעלֶע פַּיינִיגְן, סְ'זָאל נִישְׁט זַיין אַזוֹי בַּאקְוֶועם

וֶועגְן דֶעם טָאר מֶען נִישְׁט גֵיין יוֹם כִּיפּוּר מִיט לֶעדֶערְנֶע בַּאקְוֶועמֶע שִׁיךְ, מֶען וַואשְׁט אָפּ דִי הֶענְט נָאר בִּיז נָאךְ דִי פִינְגֶערְס, אוּן נָאךְ אַנְדֶערֶע הֲלָכוֹת וָואס מִיר הַאלְטְן אֵיין, אוֹיךְ צִינְדְט מֶען אָן גְרוֹיסֶע לִיכְט. אוּן מִיר דַארְפְן גֶעדֶענְקְן, אַז יוֹם כִּיפּוּר אִיז דִי לֶעצְטֶע טָאג פוּן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, וָואס מְ'קֶען גְרִינְג אִיבֶּערְבֶּעטְן דִי הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער.





# די הייליגע טעג

**טַאטֶע:** קִינְדֶערְלֶעךְ, דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אוּנְז "אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ", אַז עֶר הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן, אַז אֵיין טָאג פַּאר יוֹם כִּיפּוּר, דָאס אִיז הַיינְט "עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר", זָאלְן מִיר זִיךְ זֶעצְן עֶסְן אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה, מִיט חַלָּה אוּן פִּישׁ, זוּפּ, פְּלֵיישׁ, כְּדֵי מִיר זָאלְן הָאבְּן אַסַאךְ כֹּחַ צוּ פַּאסְטְן דִי מָארְגֶענְדִיגֶע טָאג. אוּן פַאר יֶעדֶעס שְׁטִיקְל עֶסְן וָואס מְ׳נֶעמְט אַרַיין אִין מוֹיל, הָאבְּן מִיר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה. אוּן אַזוֹי קֶען מֶען אָנְזַאמְלֶען גְרִינְגֶערְהֵייט נָאךְ אוּן נָאךְ מִצְווֹת.

**יִשַׁי:** חַלָּה מִיט פִּישׁ? פַּארְוָואס דַארְף מֶען עֶסְן פִּישׁ? סְ׳אִיז נִישְׁט שַׁבָּת!

**טַאטֶע:** וַוייל עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר אִיז אַזוֹי וִוי אַ יוֹם טוֹב! דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ "שֻׁלְחָן עָרוּךְ" דָאס אִיז אַ סֵפֶר וִוי עֶס שְׁטֵייט אַרַיינְגֶעשְׁרִיבְּן אַלֶע הֲלָכוֹת אוּן אַלֶע מִצְווֹת וָואס מִיר אִידְן דַארְפְן טוּהן, אוּן פּוּנְקְטְלִיךְ וִויאַזוֹי מִיר דַארְפְן זִיךְ אוֹיפְפִירְן! אִין דִי שֻׁלְחָן עָרוּךְ שְׁטֵייט זֵייעֶר אַ אִינְטֶערְסַאנְטֶע הֵיילִיגֶע מַעֲשֶׂה, פַּארְוָואס מִיר פִירְן זִיךְ צוּ עֶסְן פִישׁ עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר.

Track 22

ניגון

## ~ מַעֲשֶׂה ~

**טַאטֶע:** זֶעצְטְס עֶנְק שֵׁיין אַרָאפּ, מַאכְטְס עֶנְק בַּאקְוֶועם, אוּן עֶטְס גֵייטְס הֶערְן זֵייעֶר אַ אִינְטֶערְסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה.

אֵיינְמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁנֵיידֶער. אַ שְׁנֵיידֶער מֵיינְט, אֵיינֶער וָואס נֵייט סְחוֹרָה. לְמָשָׁל עֶר נֶעמְט סְחוֹרָה, אוּן עֶר נֵייט פוּן דֶעם אַ הֶעמְד, אַ הוֹיזְן, אַ קָאוּט, אוֹיךְ קֶען עֶר צוּנֵייעֶן קְנֶעפְּלֶעךְ.





**טַאטֶע:** און דֶער שְׁנַיידֶער אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ עֶרְלִיכֶע אִיד. וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעהֵייסְן, הָאט עֶר גֶעטוּהְן דָאס בֶּעסְטֶע וָואס עֶר הָאט גֶעקֶענְט.

וֶוען ס׳אִיז גֶעקוּמֶען עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר, וָואס דֶער הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעהֵייסְן אַז יֶעדֶער מוּז עֶסְן אַ גוּטֶע סְעוּדָה, אוּן פַאר יֶעדֶע שְׁטִיקְל עֶסְן וָואס מְ׳שְׁלִינְגְט אַרָאפּ הָאט מֶען אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, אִיז דֶער שְׁנַיידֶער גֶעגַאנְגֶען אִין סְטָאר, עֶר הָאט גֶעוָואלְט קוֹיפְן אַ שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע פִּישׁ.

אָבֶער וֶוען דֶער שְׁנַיידֶער אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין דִי פִּישׁ סְטָאר, אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַלֶע פִּישׁ פַארְקוֹיפְט! אוּן דֶער שְׁנַיידֶער הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי דִי סְטָאר מֶענְטְשׁ:

**שְׁנַיידֶער:** אַנְטְשׁוּלְדִיגְט, הֶער סְטָאר מֶענְטְשׁ. אִיךְ זוּךְ צוּ קוֹיפְן ״אַ שֵׁיינֶע פִּישׁ״! אֶפְשָׁר הָאט אִיר נָאךְ אַ פִּישׁ צוּ פַארְקוֹיפְן?

**סְטָאר 1:** פִּישׁ? יֶעצְט בִּיסְטוּ אָנְגֶעקוּמֶען? שׁוֹין צוּ שְׁפֶּעט! מַיין סְטָאר אִיז שׁוֹין לֵיידִיג, אַלֶע פִּישׁ זֶענֶען שׁוֹין פַארְקוֹיפְט!

**טַאטֶע:** אוּן דֶער עֶרְלִיכֶער שְׁנַיידֶער אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען זוּכְן אַ אַנְדֶערֶע פִּישׁ סְטָאר. עֶר קוּמְט אָן אִין נָאךְ אַ פִּישׁ סְטָאר אוּן עֶר פְרֶעגְט:

**שְׁנַיידֶער:** אַנְטְשׁוּלְדִיגְט, בִּיטֶע פַארְקוֹיף מִיר אַ שֵׁיינֶע פִּישׁ, אִיךְ דַארְף עֶס זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר מַיין סְעוּדָה עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר.

**סְטָאר 2:** נֵיין, נִישְׁטָא, שׁוֹין אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מֶער קַיין פִּישׁ.

**טַאטֶע:** דֶער עֶרְלִיכֶער שְׁנַיידֶער, אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן. עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער:

**שְׁנַיידֶער:** הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער! הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען טְרֶעפְן אַ שֵׁיינֶע פִּישׁ פַאר דִי עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר סְעוּדָה.



# די הייליגע טעג

**טַאטֶע:** און דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעהָאלְפְן! עֶר הָאט גֶעזֶעהן נָאךְ אַ פִּישׁ סְטָאר, וָואס הָאט גֶעהַאט נָאךְ אֵיין לֶעצְטֶע פִּישׁ צוּ פַארְקוֹיפְן! אָבֶער סְ׳אִיז גֶעוֶוען דָארְטְן עֶפֶּעס אַ בַּאדִינֶער אַ גוֹי וָואס הָאט עֶס שׁוֹין גֶעוָואלְט קוֹיפְן. דֶער עֶרְלִיכֶער שְׁנַיידֶער אִיז שְׁנֶעל אַהִין גֶעלָאפְן.

**שְׁנַיידֶער:** עֶה, עֶה, הֶער סְטָאר מֶענְטְשׁ, וִויפִּיל קָאסְט דֶער פִּישׁ?

**סְטָאר 3:** דִי פִּישׁ קָאסְט, לָאז מִיךְ זֶעהן... אֵיינְס, צְוֵויי, דְרֵיי, פִּיר, פִּינְף, זֶעקְס, זִיבְן, אַכְט, נַיין, צֶעהן דָאלֶער קָאסְט דִי פִּישׁ. דַארְפְּסְט עֶס? גִיבּ מִיךְ צֶעהן דָאלֶער, דִי פִּישׁ אִיז דַיינֶע!

**טַאטֶע:** דֶער גוֹי׳אִישֶׁע בַּאדִינֶער, דְרֵייט זִיךְ אוֹיס צוּ אוּנְזֶער שְׁנַיידֶער, אוּן עֶר קוּקְט אִים אָן זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג.

**בַּאדִינֶער:** הֶעי, זְשִׁידַאק, וֶוער בִּיסְטוּ? דוּ זֶעהסְט נִישְׁט אַז אִיךְ הַאלְט אִינְמִיטְן קוֹיפְן דִי פִּישׁ? פַארְוָואס מִישְׁסְטוּ דִיךְ אַרַיין?

**שְׁנַיידֶער:** אִיךְ מוּז קוֹיפְן דִי פִּישׁ זֵייעֶר וִוּיכְטִיג! אַנְטְשׁוּלְדִיגְט, הֶער סְטָאר מֶענְטְשׁ, אִיךְ וֶועל דִיר בַּאצָאלְן, דָאפְּלְט, צְוָואנְצִיג דָאלֶער, אָבֶער, בִּיטֶע גִיבּ מִיר דִי פִּישׁ!

**סְטָאר 3:** הָא! הַיינְט גֵייט מֶען מַאכְן אַ בָּאנְטְשׁ גֶעלְט... דוּ בַּאצָאלְסְט צְוָואנְצִיג דָאלֶער? אָקֶעי, דִי פִּישׁ אִיז דַיינֶע!

**טַאטֶע:** דֶער גוֹי׳אִישֶׁע בַּאדִינֶער, הָאט זִיךְ זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט, אוּן עֶר פַאנְגְט אָן צוּ שְׁרַייעֶן:

**בַּאדִינֶער:** דוּ אִיד, דוּ וֵוייסְט וֶוער אִיךְ בִּין? דִי פִּישׁ קוֹיף אִיךְ פַאר מַיין בַּאלֶעבָּאס, דוּ וֵוייסְט וֶוער מַיין בַּאלֶעבָּאס אִיז? מַיין בַּאלֶעבָּאס, אִיז דִי הוֹיפְּט הֶערְשֶׁער פוּן דִי גַאנְצֶע גֶעגֶענְט! פַאנְג דִיךְ נִישְׁט אָן מִיט מִיר! הֶער סְטָאר מֶענְטְשׁ, אִיךְ גִיבּ נָאךְ מֶער גֶעלְט, דְרֵייסִיג דָאלֶער, אוּן גִיבּ מִיר דִי פִּישׁ!





# די הייליגע טעג

**שְׁנַיידֶער:** אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ בַּאצָאלְן נָאךְ נָאךְ מֶער גֶעלְט, פֶּערְצִיג דָאלֶער! און גִיבּ מִיר דִי פִּישׁ.

**בַּאדִינֶער:** דוּ עַזוּת פָּנִים, מְחוּצָף וָואס אֵיינֶער וָואס דוּ בִּיזְט... אִיךְ וֶועל בַּאצָאלְן נָאךְ נָאךְ נָאךְ, ״נָאךְ מֶער גֶעלְט״ פִּינֶעף און פֶּערְצִיג דָאלֶער, און גִיבּ מִיר דִי פִּישׁ, אָבֶּער יֶעצְט, אָבֶּער שׁוֹין!

**שְׁנַיידֶער:** און אִיךְ וֶועל בַּאצָאלְן נָאךְ נָאךְ נָאךְ, נָאךְ נָאךְ, נָאךְ מֶער גֶעלְט ״פוּפְצִיג דָאלֶער״, און גִיבּ מִיר בִּיטֶע דִי פִּישׁ!

**טַאטֶע:** ״פוּפְצִיג דָאלֶער״ אִיז זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן פַּאר אֵיין פִּישׁ! אָבֶּער דֶער שְׁנַיידֶער אִיז גֶעוֶוען גְרֵייט צוּ בַּאצָאלְן כִּמְעַט זַיין גַאנְצֶע גֶעלְט, אוֹיף צוּ קֶענֶען מְקַיֵים זַיין אֵיין מִצְוָה פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה!





# די הייליגע טעג

**בַּאדִינֶער:** הָא... וַואו... פון וואו הָאט דֶער שְׁנַיידֶער אַזוֹי סַאךְ גֶעלְט? דו עַזוּת מְחוּצָף פְּנִים אֵיינֶער... אִיךְ גֵיי אִים אוֹיסְזָאגְן פַאר דִי הֶערְשֶׁער, אִיךְ גֵיי אִים אוֹיסְזָאגְן! אִיךְ וֶועל אִים פַארְצֵיילְן...

**טַאטֶע:** דֶער בַּאדִינֶער אִיז זִיךְ אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט. און אוּנְזֶער עֶרְלִיכֶער שְׁנַיידֶער הָאט בַּאקוּמֶען דִי פִּישׁ פַאר פוּפְצִיג דָאלֶער.

**שְׁנַיידֶער:** אָהּ, "בָּרוּךְ הַשֵּׁם" גֶעטְרָאפְן! אַזַא שֵׁיינֶע פִּישׁ.

**טַאטֶע:** און דֶער עֶרְלִיכֶער שְׁנַיידֶער אִיז אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען מִיט דִי שֵׁיינֶע פִּישׁ. דֶערְוַוייל אִיז דֶער גוֹי'אִישֶׁע בַּאדִינֶער, גֶעוֶוען זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן. וַוייל עֶר הָאט גֶעוואוּסְט, אַז זַיין הֶערְשֶׁער אִיז זֵייעֶר אַ שְׁטְרֶענְגֶער מֶענְטְשׁ. און וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אָן אַ פִּישׁ, אִיז דֶער הֶערְשֶׁער גֶעוֶוען זֵייעֶר בֵּייז:

**הֶערְשֶׁער:** הְם, וואו אִיז מַיין פִּישׁ, הַא?

**בַּאדִינֶער:** אָם..עֶם..אְם...אְם....

**הֶערְשֶׁער:** זָאג מִיר נִישְׁט עֶם...אָם...אַם...אִים...עֶם... עֶנְטְפֶער מִיר, פַארְוָואס הָאסְטוּ נִישְׁט גֶעקוֹיפְט אַ פִּישׁ? עֶנְטְפֶער מִיר! הַא?

**בַּאדִינֶער:** עֶהֶעם... אָם.. עֶהֶאָם... דֶער... דֶער אִידִישֶׁער שְׁנַיידֶער הָאט עֶס צוּגֶענוּמֶען...

**הֶערְשֶׁער:** וָואס?

**בַּאדִינֶער:** אִיךְ אִיךְ... אִיךְ הָאב גֶעוָואלְט קוֹיפְן פַאר צֶעהן דָאלֶער, אַזוֹיפִיל וִויפִיל ס'קָאסְט עֶכְט, אָבֶער דֶער שְׁנַיידֶער הָאט בַּאצָאלְט, הֶערְסְט הֶערְשֶׁער? "פוּפְצִיג דָאלֶער", אַסַאךְ סַאךְ מֶער וִויפִיל עֶס קָאסְט עֶכְט, און עֶר הָאט עֶס אָפְּגֶעקוֹיפְט. עֶם... הֶערְשֶׁער, דֶער הֶערְשֶׁער הָאט גֶעוָואלְט אַז אִיךְ זָאל בַּאצָאלְן אַזוֹי סַאךְ גֶעלְט פַאר אֵיין פִּישׁ?





# דִי הֵיילִיגֶע טֶעג

**הֶערְשֶׁער** וָואס??? אַ אִידִישֶׁע שְׁנַיידֶער, הָאט בַּאצָאלְט אַזוֹי סַאךְ גֶעלְט פַאר אֵיין פִישׁ?! שְׁנֶעל רוּף אַהֶער דֶעם אִידִישְׁן שְׁנַיידֶער, מִסְתָּם אִיז עֶר אַ גְרוֹיסֶע גַנָב!!

**טַאטֶע:** דֶער בַּאדִינֶער אִיז שְׁנֶעל גֶעלָאפְן צוּ דִי הוֹיז פוּן דֶעם עֶרְלִיכֶען שְׁנַיידֶער, אוּן עֶר קְלַאפְּט שְׁטַארְק אוֹיפְן טִיר.

**בַּאדִינֶער:** קְנַאק קְנַאק... קְנַאק קְנַאק... אִידִישֶׁע שְׁנַיידֶער? מַאךְ אוֹיף דִי טִיר! דוּ עַזוּת מְחוּצָף פָּנִים אֵיינֶער! אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ גֵיי דִיךְ אוֹיסְזָאגְן... מַיין בַּאלֶעבָּאס, דֶער הוֹיפְּט הֶערְשֶׁער רוּפְט דִיךְ, אָבֶּער שׁוֹין! אָה אוֹי! דוּ גֵייסְט צִיטֶערְן פוּן אִים, הוֹי אִיז עֶר גוּט אוֹיפְגֶערֶעגְט...

**שְׁנַיידֶער:** צִיטֶערְן? אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן אִים! אִיךְ הָאבּ נָאר מוֹרָא פוּנֶעם "הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער", דַיין בַּאלֶעבָּאס קֶען מִיךְ גָארְנִישְׁט טוּהן אָן דִי רְשׁוּת פוּנֶעם גְרוֹיסְן בַּאשֶׁעפֶער.

**טַאטֶע:** דֶער עֶרְלִיכֶער שְׁנַיידֶער אִיז אָן מוֹרָא, גֶעגַאנְגֶען צוּם הוֹיפְּט הֶערְשֶׁער. וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען, הָאט אִים דֶער הֶערְשֶׁער אָנְגֶעקוּקְט זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג, אוּן גֶעפְרֶעגְט:

**הֶערְשֶׁער:** מִיט וָואס אַרְבֶּעטְסְטוּ?

**שְׁנַיידֶער:** אִיךְ בִּין אַ שְׁנַיידֶער, אִיךְ נֵיי, אוּן פַארְרֶעכְט קְלֵיידֶער.

**הֶערְשֶׁער:** אַהַא, קוֹדֶם, פוּן וואוּ הָאסְטוּ דִיךְ דֶערְוַואגְט אַוֶועק צוּנֶעמֶען מַיין פִישׁ? אוּן פוּן וואוּ קוּמְט צוּ אַ פָּשׁוּטֶ'ע שְׁנַיידֶער צוּ בַּאצָאלְן "אַזוֹי סַאךְ גֶעלְט פַאר אֵיין פִישׁ?" הַא? פוּן וואוּ הָאסְטוּ גֶעגַנְבֶ'עט דִי גֶעלְט, הַא? שְׁנֶעל זָאג אוֹיס!



שְׁנַײדֶער: חָלִילָה, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעגַנְבֶ׳עט! דֶער הֵײלִיגֶער גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט הָאט בַּאפוֹילְן אַז מִיר אִידְן זָאלְן מַאכְן אַ שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע סְעוּדָה עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר, כְּדֵי מִיר זָאלְן קֶענֶען גְרִינְגֶער פַּאסְטְן.

אוּן דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט הָאבְּן דִי פִּישׁ, אוּן, אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעניצְט כִּמְעַט מַיין גַאנְצֶע גֶעלְט אַבִּי צוּ פָּאלְגְן מַיין הֵײלִיגֶע אוּן גְרוֹיסֶע בַּאשֶׁעפֶער!



# די הייליגע טעג

**טַאטֶע:** דֶער הֶערְשֶׁער אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, אוּן גֶעזֶען אַז דֶער עֶרְלִיכֶער שְׁנַיידֶער זָאגְט טַאקֶע דֶעם אֱמֶת. הָאט דֶער הֶערְשֶׁער גֶעזָאגְט פַּאר דֶעם שְׁנַיידֶער:

**הֶערְשֶׁער:** אַהַא, דוּ בִּיזְט גֶערֶעכְט! אוֹיבּ דוּ הָאסְט טַאקֶע בַּאצָאלְט אַזוֹי סַאךְ גֶעלְט פַּאר אֵיין מִצְוָה, הְם... וֶועל אִיךְ דִיר לָאזְן אַהֵיימְגֵיין, אוּן אִיךְ וֶועל דִיךְ נִישְׁט בַּאשְׁטְרָאפְן. בִּיסְטוּ צוּפְרִידְן? נוּ גֵיי!

**טַאטֶע:** דֶער שְׁנַיידֶער אִיז שְׁנֶעל אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אוּן גֶעדַאנְקְט דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

**שְׁנַיידֶער:** בָּרוּךְ הַשֵּׁם, דֶער הֶערְשֶׁער הָאט מִיךְ גֶעלָאזְט אַהֵיים גֵיין. יֶעצְט וֶועל אִיךְ נֶעמֶען אַ גְרוֹיסֶע מֶעסֶער אוּן אוֹיפְשְׁנַיידְן דִי פִּישׁ, אוּן עֶס אָפְּקָאכְן לְכָבוֹד דִי סְעוּדַת יוֹם טוֹב פוּן עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר.





# די הייליגע טעג

**טַאטֶע:** און וָוען דֶער שְׁנַיידֶער הָאט אוֹיפְגֶעשְׁנִיטְן דִי פִּישׁ, הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן אַ הֶערְלִיכֶע בְּרִילְיַאנְט!

**שְׁנַיידֶער:** קִינְדֶער, אַ בְּרִילְיַאנְט! אַ בְּרִילְיַאנְט! אִיךְ גְלֵייב עֶס נִישְׁט, אַ בְּרִילְיַאנְט! אַ עֶכְטֶע טֵייעֶרֶע בְּרִילְיַאנְט! אִיךְ גֵיי נֶעמֶען דֶעם בְּרִילְיַאנְט און אִיךְ גֵיי עֶס פַארְקוֹיפְן, און דָאס אִיז וֶוערְט גָאר גָאר אַסַאךְ גֶעלְט. אַה, "בָּרוּךְ הַשֵּׁם" שְׁכּוֹחַ גְרוֹיסֶע בַּאשֶׁעפֶער! דוּ הָאסְט אוּנְז אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ!

**טַאטֶע:** און דֶער עֶרְלִיכֶער שְׁנַיידֶער הָאט טַאקֶע פַארְקוֹיפְט דִי הֶערְלִיכֶע בְּרִילְיַאנְט, און דֶער שְׁנַיידֶער אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר רַייךְ.

און וֶועגְן דִי מַעֲשֶׂה שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע "שֻׁלְחָן עָרוּךְ", אַז מֶען זָאל זִיךְ פִּירְן צוּ עֶסְן פִּישׁ עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר. און שׁוֹין!

**קִינְדֶער:** וַואו, אַזַא שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה!

**מֵאִיר:** פוּן דִי מַעֲשֶׂה לֶערְנְט מֶען זִיךְ אַרוֹיס, אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, בַּאצָאלְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס פִירְט זִיךְ אוֹיף עֶרְלִיךְ, און דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער בַּאצָאלְט נָאךְ, אַסַאךְ מֶער, אוֹיבּ דִי מִצְוָה קוּמְט אָן שְׁוֶוער.

Track 23

**טַאטֶע:** עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר דַארְף מֶען טוּהן נָאךְ עֶפֶּעס זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ. וֶוער וֵוייסְט וָואס?

**יוֹדִי:** מֶען דַארְף זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן! וַוייל אוֹיבּ מְ'הָאט חָלִילָה אֵיינֶעם גֶעטְשֶׁעפֶּעט, אִיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער "נִישְׁט מוֹחֵל" בִּיז מְ'בֶּעט אִים אִיבֶּער.





Track 24

ניגון

# אִיבֶּערְבֶּעטְן

וֶוען מִיר טוּעֶן תְּשׁוּבָה, דַארְפְן מִיר גֶעדֶענְקֶען,
וָואס אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט
אוֹיבּ מְ'הָאט חָלִילָה, גֶעשְׁלָאגְן אַ חַבֶר,
אָדֶער גֶערֶעדְט שְׁלֶעכְטֶע רֵייד.

מַיין טֵייעֶרֶע חַבֶר, אִיךְ בֶּעט דִיר אִיבֶּער,
אִיךְ וֶועל עֶס מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט טָאן
זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ וֶועל שׁוֹין זַיין גוּט,
פוּן הַיינְט מָאל אָן.

אַוַודַאי, מַיין חַבֶר, אִיךְ בִּין דִיךְ מוֹחֵל
מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ זֵייעֶר גֶערְן
לָאמִיר אִינְאֵיינֶעם, בֵּיידֶע צוּזַאמֶען,
צוּרִיק חֲבֵרִים וֶוערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט, אַז מְ'אִיז זִיךְ מוֹחֵל
עֶס מַאכְט אִים פְרֵיילִיךְ בִּיז גָאר
עֶר זָאגְט, אִיךְ וֶועל עֶנְק, אוֹיךְ זַיין מוֹחֵל
אוּן שִׁיקְן אַ זִיסֶע יָאר.



# די הייליגע טעג

Track 25

**טַאטֶע:** און יֶעצְט אַז מֶען הָאט זִיךְ שׁוֹין אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן און מוֹחֵל גֶעוֶוען, זֶעמִיר גְרֵייט צוּ גֵיין אִין שׁוּל, יוֹם כִּיפּוּר. מִיר וֶועלְן פַאסְטְן, דַאוֶוענֶען, און אִיבֶּערְבֶּעטְן דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

**שְׂרָאלִי:** אָבֶער טַאטִי, אִיךְ קֶען נָאךְ נִישְׁט פַאסְטְן אַ גַאנְצְן טָאג, אוֹיךְ, אִיךְ בִּין נָאךְ צוּ קְלֵיין צוּ קֶענֶען דַאוֶוענֶען אַ גַאנְצְן טָאג אִין דִי גְרוֹיסֶע שׁוּל! טַאטִי, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אוֹיסְפּוּעֶלְן אַ זִיסֶע יָאר? אִיךְ קֶען נָאךְ נִישְׁט גֶעהֶערִיג עִבְרִי, און אִיךְ קֶען נָאךְ נִישְׁט דַאוֶוענֶען אִין אַ סִידוּר, אִיךְ לֶערְן נָאךְ אִין קִינְדֶערְגַארְטְן!

**טַאטֶע:** דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וֵוייסְט אַז דוּ בִּיסְט נָאךְ קְלַיין, און דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער דַארְף נָאר אֵיין זַאךְ פוּן דִיר, פִּיר דִיךְ אוֹיף זֵייעֶר ווארל, נִישְׁט מוּטְשֶׁענֶען אַ מַאמֶע, אָדֶער אַ גְרוֹיסֶע שְׁוֶועסְטֶער, וָואס זַיי פַאסְטְן יָא. דוּ קֶענְסְט טַאקֶע נָאךְ נִישְׁט פַאסְטְן אַ גַאנְצְן טָאג און דוּ וֶועסְט עֶסְן פְרִישְׁטִיג, אָבֶער גֶעדֶענְק, נִישְׁט עֶסְן נָאכְדֶעם נַאשׁ.

און אוֹיךְ קֶענְסְטוּ אוֹיךְ בֶּעטְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף פְלֶעין אִידִישׁ, אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאל אָנְשְׁרַייבְּן אַ זִיסֶע יָאר, דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וֵוייסְט אַלֶעס וָואס דוּ טְרַאכְסְט אִין דַיין הֶערְצֶעלֶע, און דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט דִיךְ אוֹיסְהֶערְן אֲפִילוּ דוּ וֶועסְט פְלֶעין רֶעדְן. דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט זֵייעֶר לִיבּ צוּ הֶערְן דִי גֶעבֶּעט פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער, דוּ גֶעדֶענְקְסְט נָאךְ דִי מַעֲשֶׂה פוּן פּוּרִים, וִוי אַזוֹי מָרְדְכַי הַצַדִיק הָאט צוּזַאמְגֶענוּמֶען אַלֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער און מִיט זַיי אוֹיסגֶעפּוּעֶלְ'ט אַ גְרוֹיסֶע נֵס! שְׁטַארְק דִיךְ! **"דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ! און דַארְפְסְט עֶס אֵייבִּיג גֶעדֶענְקֶען!"**





# די הייליגע טעג

**יוֹסִי:** אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵייליךְ צוּ זַיין אַ אִיד, דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אוּנְז אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ!

Track 26

**טַאטֶע:** אוּן יֶעצְט גֵייט טַאטִי אָנְטוּהן, אַ שֵׁיינֶע רֵיינֶע וַוייסֶע קִיטְל. וַוייל מִיר ווִילְן אוֹיךְ הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע רֵיינֶע נְשָׁמָה, אוּן פַאר מֶען גֵייט אִין שׁוּל פִּירְט מֶען זִיךְ, אַז דִי טַאטֶע בֶּענְטְשְׁט דִי קִינְדֶער, אוּן דִי קִינְדֶער בֶּעטְן אִיבֶּער דִי טַאטֶע מַאמֶע, אוּן מִיט אַ קוּשׁ אוֹיף דִי הֶענְט, גֵייט מֶען אִין שׁוּל זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם גְרוֹיסְן בַּאשֶׁעפֶער.

Track 27

## ניגון – בִּרְכַּת הַבָּנִים

יְשִׂימְךָ אֱלֹקִים, מִיט אַ שְׁטִילֶע שְׂטִים
בֶּעט אַ טַאטֶע אִין הַיינְטִיגְן טָאג
פַאר זַיינֶע קִינְדֶער, עֶר בֶּעט אַצִּינְדֶער
עֶר זָאל זַיי עֶרְצִיעֶן אָן קַיין פְּלָאג
יְבָרֶכְךָ הַשֵּׁם וְיִשְׁמְרֶךָ, דִי בַּאשֶׁעפֶער זָאל עֶנְק בֶּענְטְשְׁן אוּן אָפְּהִיטְן
יָאֵר הַשֵּׁם פָּנָיו אֵלֶיךָ, עֶר זָאל עֶנְק גֶעבְּן פוּן אַלֶעם גוּטְן
יִשָּׂא הַשֵּׁם, אוֹיפְן שֶׁענְסְטְן פַארְנֶעם
אוֹיסְוַואקְסְן אַ שֵׁיינֶע בּוֹים
בְּאַחְדוּת אַלֶע צוּזַאם, מִיט אַ תּוֹרָה'דִיגֶע טַעַם
וְיָשֵׂם לְךָ שָׁלוֹם.



# דִי הֵיילִיגֶע טֶעג

וִיהִי רָצוֹן, סְ'זָאל זַיין דֶער ווִילְן שׁוֹין
פוּנֶעם הֵיילִיגְן בּוֹרֵא
עֶנְקֶער הַארְץ אָנְפִילְן, מִיט אַ שְׁטַארְקֶע ווִילְן
נָאר פוּן בַּאשֶׁעפֶער הָאבְּן מוֹרָא

וּתְהִי יִרְאַת הַשֵּׁם עַל פָּנֶיךָ, יִרְאַת שָׁמַיִם זָאל זַיין עֶנְקֶער שְׁטְרֶעבְּן
וְלֹא תֶחְטָא כָּל יָמֶיךָ, נִישְׁט טוּהן עֲבֵירוֹת אַ גַאנְץ לֶעבְּן
הָאבְּן אַ לִיבְּשַׁאפְט, מִיטְן גַאנְצְן קְרַאפְט
נָאר צוּ תּוֹרָה אוּן מִצְווֹת
עֶנְקֶער מוֹיל מִיט תּוֹרָה פִיל, אוּן נִישְׁט וֶוערְן שְׁטִיל
פִּיךָ יְדַבֵּר חָכְמוֹת

יָדֶיךָ יַעַסְקוּ, מִיט דִי הֶענְט מִצְווֹת קוֹיפְן
רַגְלֶיךָ יָרוּצוּ, דֶעם רָצוֹן הַשֵּׁם נָאכְלוֹיפְן
דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל בַּאשֶׁערְן, קִינְדֶער זָאל זִיךְ בַּיי עֶנְק מֶערְן
טוּהן נָאר וָואס מֶען מֶעג, אַלֶע עֶנְקֶערֶע טֶעג



# די הייליגע טעג

עֶר זָאל עֶנְק שְׁפֵּייזְן, אוּן זַיין חֶסֶד וַוייזְן
אַ גַאנְץ לֶעבְּן אָן קַיין שׁוּם קְלֶעם
אַלֶעס בַּאזָארְגְן, נִישְׁט דַארְפְן בָּארְגְן
שֶׁתִּהְיֶה פָּנוּי לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם

אַ זִיס אוּן לַאנְג לֶעבְּן, זָאל עֶר עֶנְק גֶעבְּן
סְ'זָאל עֶנְק אַלְץ זַיין וואוֹיל אוּן פֵיין
גֵיין אוֹיפְן עֶרְלִיכְן וֶועג אַלֶע עֶנְקֶערֶע טֶעג
בְּתוֹךְ כָּל צַדִּיקֵי יִשְׂרָאֵל אָמֵן

טַאטֶע אוּן מַאמֶע
אִיר זֶעהט שׁוֹין מִסְתַּמֶא
תְּשׁוּבָה טוּהן אִיךְ וִויל
מַיין הַארְץ אִיז מִיט חֲרָטָה פִיל
אוֹיבּ כְ'הָאבּ זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט שֵׁיין
כְ'בֶּעט, עֶטְס זָאלְטְס מִיר מוֹחֵל זַיין
וָואס אִיז גֶעוֶוען אִיז גֶעוֶוען
סְ'וֶועט שׁוֹין מֶער נִישְׁט גֶעשֶׁעהן!

עֶטְס וֶועטְס זֶעהן פוּן מִיר
נַחַת אָן אַ שִׁיעוּר
מִיט מִיר קֶענֶען שְׁטָאלְצִירְן

טוּהן נָאר וָואס מֶען מֶעג
אוּן אוֹיפְן עֶרְלִיכְן וֶועג
וֶועל אִיךְ זִיךְ שְׁטֶענְדִיג פִירְן



# דִי הֵיילִיגֶע טֶעג

**פַאר טַאטֶע אוּן מַאמֶע בֵּיידֶע**
**אוּן פַאר דִי בַּאבֶּע אוּן זֵיידֶע**
**וואוּנְטְשׁ אִיךְ אַ בְּרָכָה שֵׁיין**
**נָאר נַחַת פוּן אוּנְז הֶערְן**
**אוּן פַארְשְׁרִיבְּן וֶוערְן**
**בְּתוֹךְ כָּל צַדִיקֵי יִשְׂרָאֵל אָמֵן**

Track 28

**טַאטֶע:** נָאךְ אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע טֶעג, מִיר הָאבְּן אַזוֹיפִיל גֶעדַאוֶועְנְט אוּן תְּשׁוּבָה גֶעטוּהְן, אָבֶּער דִי יוֹם טוֹב אִיז נָאךְ נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט.

**הֶערְשִׁי:** עֶס קוּמְט מוֹצָאֵי יוֹם כִּיפּוּר, אַלֶע טַאטֶעס קוּמֶען אַהֵיים פוּן שׁוּל פְרֵיילִיךְ אוּן פִיל מִיט הָאפֶענוּנְג, אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט זִיכֶער אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אַ זִיסֶע יָאר מִיט אַלֶעס גוּטְס פַאר אַלֶע אִידְן. דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאגְט, אַז מִיר זָאלְן אַהֵיים גֵיין אוּן נָאכְאַמָאל מַאכְן אַ סְעוּדָה אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ!



Track 29

# ניגון אויסְגֶעפּוּעֶלְט אַלֶעס גוּטְס

פוּן אַלֶעם גוּטְן אוּן אַלֶעם וואוילֶען
הָאבְּן מִיר אַלֶע, גֶעטוּהְן אויסְפּוּעֶלְן
אַזוֹי פִּיל דַאוֶונֶען, הָאבְּן מִיר פַּארְמֶערְט
דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיכֶער, דִי תְּפִילוֹת אויסְגֶעהֶערְט

אויסְגֶעפּוּעֶלְט אַ יָאר פוּן גֶעזוּנְט
אויסְגֶעפּוּעֶלְט צוּ זַיין אַ וואוילֶע קִינְד
אויסְגֶעפּוּעֶלְט אַ פְּרֵיילִיךְ יָאר אָן אַ שִׁיעוּר
אויסְגֶעפּוּעֶלְט נַחַת זָאל מֶען זֶעהן פוּן מִיר

לָאמִיר זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן
אַז מִיר זֶענֶען הֵיילִיגֶע אִידְן
דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אוּנְז לִיבּ זֵייעֶר
מִיר זֶענֶען פַאר אִים חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר

אויסְגֶעפּוּעֶלְט פַאר אַ יֶעדְן אֵיינֶעם
אויסְגֶעפּוּעֶלְט אַ זִיסֶע יָאר אַ פֵיינֶעם
אויסְגֶעפּוּעֶלְט פַאר אַלֶע אַ יְשׁוּעָה
לְשָׁנָה הַבָּאָה לִירוּשָׁלַיִם הַבְּנוּיָה

אויסְגֶעפּוּעֶלְט אַלֶעס גוּטְס, אַלֶעס גוּטְס!



# הערט אונזערע אנדערע

# איך האב ליב

## סידי׳ס, און האט שטארק הנאה!




YOEL KLEIN
RECORDING STUDIO
718-344-1708

געזינגען און גערעדט דורך די
הייליגע קינדערלעך קווייער

Design By: LAZER TORIM 845.371.3000